# פרעמיער מיניסטער פון ווילנא שענקט לעגאַלער דאָקומענט אַז גאַנצער ווילנער בית החיים וועט אָפּגעהיטן ווערן לויט פאַרלאַנג פון "אדמת קודש-ועד להצלת בתי עלמין"

**"ועד להצלת בתי עלמין" ערררייכט צוטרוי ביי אינסטאנצן נאך פילע יאָרן פון הארעוואניע און אחריות'דיגע עבודת הקודש | הגאון האדיר ראש ישיבה הרמה ונשיא הועד שליט"א אליינס אראפגעפארן אויפן ארט צו באבאכטן מקום קדוש | ליטווישע רעגירונג שטייט פעסט צו הערן און נעמען פאַראָרדענונגען בלויז פונעם אייראפעאישן "ועד"**

ווילנא, ליטא. - אין די איצטיגע טעג נעמט דער אלוועלטליכער אידנטוהם אויף מיט גרויס פרייד און שמחה, די פאזיטיווע אנטוויקלונג אין די פרשה ארום דעם בית החיים אין ווילנא, אז עס האט אין א גוטע שעה דערגרייכט צו די עסקנים, חברי ועד להצלת בתי עלמין באייראפע - אין שפיץ פון הגאון האדיר ראש הישיבה הרמה דלאנדאן ונשיא הועד שליט"א - דער בריוו פון רימאנטאס וואטיקוס, הויפט געהילף צום פרעמיער מיניסטער אלגערידאס באטקעווישעס יר"ה פון ליטע, וואו ער שרייבט אין נאמען פונעם פרעמיער מיניסטער, אז ער פארפליכטעט זיך בכתב איינצוהאלטן דעם הסכם איבער כבוד בתי חיים אין ווילנע, וואס איז אפגעמאכט געווארן ביי די געשפרעכן דורכאויס די לעצטערע יארן, וועלכע זענען געקומען צום פונקט ביי די זיצונג וואס איז פארגעקומען דעם אנהויב זומער מיט די באטייליגונג פון אלע חברי הועד און אין שפיץ פון הגאון ראש ישיבה הרמה שליט"א וועלכער האט טראץ זיין שווערן עלטער, זיך אריבערגעשלעפט צו די ליטע, למען כבוד בתי עלמין ושוכני עפר.

דער בריוו וועלכער איז טאקע נאר אין רעזולטאט פונעם זיצונג אנהויב זומער, איז אבער אויפגענומען געווארן ביים יהדות החרדית מיט גרויס עקסטאז, נאכדעם וואס דער בריוו וועט ענדגילטיג פארזיכערן אז דער מצב פון דעם אלטן בארימטן 'שניפטשיק' בית החיים אין ווילנא וועט בלייבן בקדושה ובטהרה, און די איבער הונדערט טויזענט אידישע שוכני עפר, דערונטער גדולים וטובים, אריינגערעכנט הגאון הגדול רבי זלמ'לע וואלאזשינער זצ"ל און הגאון הגדול דער חיי אדם זצ"ל וועלכע האבן בחייהם און אזוי אויך במותם מאיר געווען די אויגן פון אלע אידן אויף דער וועלט בהלכה, וועלן ווייטער רוען במנוחה נכונה.

## סטאטוס פונעם בית החיים אין ווילנא

דער מצב פון דעם בית החיים וועלכע איז שוין כמה פעמים אויסגעשמועסט געווארן אויף די שפאלטענעס פון אונזער צייטונג, צוליב'ן זיין שוין פיל מאל אין די נייעס, וועלן מיר דאס דא אין קורצן דורכגיין. דער בית החיים אין ווילנא שטייט שוין פאר הונדערטער יארן, און ווי דערמאנט, ליגן דארט באהאלטן אריבער הונדערט טויזענט אידן, אינאיינעם מיט גדולי ארץ ומצוקי תבל נ"ע, און איז דורכאויס די יארן ביז די צווייטע וועלט מלחמה, געווען אין גאר אפגעהיטענעם צושטאנד - געגנרי ווי אלע אנדערע בתי חיים לענגאויס אייראפע.

נאך די מלחמה איז דער בית החיים געווארן זייער נאכגעלאזט, און דורכאויס צענדליגער יארן, בפרט צוליב דעם וואס ליטא איז געווען אנגעשלאסן אינעם סאוויעטישן פארבאנד, וועלכע האט זייער שווער געמאכט דאס אנקומען צום בית החיים, און עפעס מסדר זיין דארט, איז דער בית החיים געווארן מער און מער נאכגעלאזט, אויף אזוי ווייט, אז ברוב הימים האט מען געבויעט א בנין אויף דעם שטח הבית החיים, און אידישע קברים זענען פארשוועכט געווארן אויף א שרעקליכן פארנעם.

למעשה, מיט עטליכע יאר צוריק האט זיך דער וועד להצלת בתי עלמין באייראפע, זיך אריינגעלייגט אין די לענג און אין די ברייט, אזוי ווי דער ועד טוט אין אלע בתי חיים אין אייראפע וואו עס קומט פאר א פארשוועכונג ר"ל, און האט באוויזן צו פארהאנדלן מיט די ליטווישע אינסטאנצן אז דער בית החיים זאל פון היינט און ווייטער שטיין אונטער די אויפזיכט פונעם ועד, און אז קיין שריט

און ברעקל ערד זאל נישט גערירט ווערן אן די פון פריערדיגע ערלויבעניש פונעם וועד.

## אנטוויקלונג אנהויב זוממער העעל״ט

ווי באריכטעט דעם אנהויב זוממער, האט זיך אנגעהויבן א שטיקל רודער נאכדעם וואס עס האט אויסגעקוקט ווי די רעגירונג האלט זיך נישט צו איר צוזאג, און הייבט אן טוהן קאנסטרוקציע אינעם בית החיים, אן פון פריער זיך דורכרעדן מיטן וועד פון פאראויס. די חברי הועד, אין שפיץ פון הגאון האדיר ראש ישיבה הרמה שליט״א האבן זיך אין איילעניש ארויסגעלאזט קיין ווילנא, זיכער צו מאכן אז דער בית החיים ווערט נישט געשענדעט. דער ראש ישיבה שליט״א וועלכער איז שוין אין די הויכע עלטערע יארן, האט זיך מיט זיינע שוואכע כוחות געשלעפט בטירחא דגופא קיין ווילנא, האבנדיג דעם געוואלדיגן און טיפן געפיל פאר כבוד בתי עלמין, אזוי ווי ער האט צוגעזעהן ביי זיין הייליגן רבי׳ן דער בריסקער רב זצ״ל.

זייענדיג אין ווילנא, און זיך צוזאמענזעצנדיג מיט די אינסטאנצן, האבן די הויכראנקיגע באאמטע אין שפיץ פון דעם ליטווישן פרעמיער מיניסטער געמאלדן, אז זיי האלטן זיך ווייטער צו זייער צוזאג, נישט צו טשעפען מיט די בתי חיים אויף קיין שום אופן וצורה, און סיי וואספארא קאנסטרוקציע זיי ווילן אונטערנעמען אינעם גאנצן שטח הבית החיים, און אינעם בנין וועלכע געפינט זיך שוין ליידער אינעם בית החיים, וועלן זיי זיך פון פריער דורכרעדן מיטן וועד, צו זעהן אויב דאס איז אויסגעהאלטן און אויב דאס קומט נאך די הלכה׳ישע סטאנדארטן.

אין רעזולטאט פון די דעמאלטסדיגע אסיפה האט זיך די געפלאנטע קאנסטרוקציע אפגעשטעלט, און נאר אויף די הוראות ברורות פונעם וועד, וועלכע איז מיוסד אויף פעסטע גרונדן פון רבותינו הקדושים זי״ע, וועט מען ווייטער בויען אינעם בנין.

## דער בריוו פונעם פרעמיער מיניסטער יר״ה

אין די איצטיגע טעג איז אנגעקומען א בריוו פון דעם פרעמיער מיניסטער אין ליטא, וועלכער ברענגט ארויס אז די פארפליכטונג וואס די רעגירונג האט זיך אונטערגענומען שוין מיט עטליכע יאר צוריק, און איז ווידערהאלט געווארן דעם אנהויב זוממער, וועט און ווערט טאקע איינגעהאלטן, און אלע שאלות און פראבלעמען וואס מאכן וועט קודם געפרעגט ווערן ביי דעם וועד ווי אזוי מען זאל זיך פירן און טוהן. ווי די רעגירונג האט שוין ארויסגעברענגט עטליכע מאל, איז די סיבה פארוואס זיי זענען מסכים זיך צוצושטעלן צו די פארלאנגען פונעם וועד, צוליב דעם וואס זיי זעהן ווי עס זענען דא פארהאן אידן, מיט אמת׳ע שטארקע אינטערעסן אויף דעם איינעם ציל: אז דער בית החיים מיט אירע הונדערט טויזענט קברים, זאלן זיין אפגעהיטן און הייליג געהאלטן ווערן. נישט קיין שום אנדערע סיבה, ווי כבוד, געלט, און אזוי ווייטער ליגט ביי די אידן אויף די אגענדע, נאר דער ציל, צו האלטן הייליג און אפגעהיטן די אידן וואס ליגן שוין פאר הונדערטער אידן במנוחה נכונה. דאס האט באוואויגן די רעגירונג און אלע אירע פאליטישאנס מיטצוארבעטן האנט ביי האנט מיט די אידישע ארגאניזאציע, און אפגעבן כבוד פאר דעם אידישן בית החיים.

אויף אזוי ווייט איז די רעגירונג איבערגענומען פון די אמת׳דיגקייט און די אום-נגיעות׳דיגקייט פונעם וועד, אז די רעגירונג האט אויך געמאלדן, אז זיי וועלן נישט הערן און זיך פארנעמען מיט די ענינים פון דעם בית החיים, מיט אנדערע ארגעניזאציעס און בלויז מיטן וועד להצלת בתי עלמין באייראפע וועלן זיי זיין בקשר און אנפרעגן יעדע זאך.

*

דער פאקט, איבער די ריינע און אמת׳דיגע כוונה פון דעם וועד להצלת בתי עלמין באייראפע, בלויז צו ראטעווען און אפהיטן די אידישע בתי חיים פון חילול ר״ל, איז שוין אין די אידישע וועלט פון לאנג באקאנט, און ביים גאנצן יהדות החרדית ווערט גאר שטארק געשעצט און ארויפגעקוקט די איבערמידליכע ארבעט וואס דער וועד לייגט אריין, אין שפיץ פונעם געהויבענעם ראש ישיבה ונשיא הועד שליט״א וועמענס הארץ קאכט און זידט למען כבוד ישיני עפר און די קדושים אשר בארץ המה, אויף וועלכן עס שרייט ארויס פון זיך אליינס די ברכה ״ברוך שמסר עולמו לשומרים״. אבער אצינד ווען די גוים זעהן אויך איין דעם פאקט, און אויך ביי זיי זעהט מען ווי די קלארע כוונה איז בלויז צו ראטעווען און אפצוהיטן די בתי חיים, איז גילטיג דער פסוק, ״וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך״ ווען די גוים זעהן איין די ציל פון אידישע קינדער, צו היטן אויפן כבוד פון זייערע מתים.

אין זכות פון די הייליגע פעולות, זאל שוין דער באשעפער העלפן, אז מען זאל שוין בקרוב זוכה זיין צום יקוצו וירננו שוכני עפר, און אין די איצטיגע טעג ווען מען קלאגט אויפן חורבן בית המקדש, זאל מען שוין זוכה זיין צום בלע המות לנצח ובא לציון גואל. אמן.